בס"ד

ארויסגעגומען פון
**ספר אוצר השבת**
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

# אוצר השבת

## קְדוּשַּׁת הַשַּׁבָּת

ם ׳ ארויסגעם פ ” אַ

**דער** חָפֵץ חַיִּים זַצַ"ל זאגט אַז דער אוֹת פון שַׁבָּת איז גְלַייךְ צוּ אַ שִׁילְד וואס דער סוֹחֵר הענגט אויף זַיין געשעפט פון אינדרויסן, כְּדֵי יעדער וואס גֵייט אדורך דעם געשעפט זאל וויסן וואס פאר אַ געשעפט דָא איז. דעריבער ווילאנג דער שִׁילְד הענגט נָאךְ אויפ'ן הויז ווייסט יעדער אַז דער סוֹחֵר וואוינט נָאךְ דָא און דאס געשעפט איז נָאךְ אפען, און אֲפִילוּ דער סוֹחֵר איז אוועק געפארן אויף עטליכע וואכן פון דעסטוועגן האָט עֶר זיך נָאךְ נישט אוועק געצויגן פון דָא, און דאס געשעפט וועט זיך נאכאמאהל עפענען.

**אבער** אוֹיב דער סוֹחֵר נעמט אראפ דעם שילד ווייסט יעדער איינער אַז דער סוֹחֵר ציהט זיך אוועק פון דעם הויז, און דָא וועט שוֹין מֶער דאס געשעפט נישט זַיין.

**דאס** זעלבע זאך מַמָּשׁ איז בַּיי דאס עִנְיַן פון שַׁבָּת. שַׁבָּת איז דאס שילד און דאס צייכן וואס זאגט עֵדוּת אַז השי"ת האָט באשאפן דער וועלט אִין זעקס טעג, און השי"ת האָט גערוהט דעם זיבעטן טאג. שַׁבָּת איז אויך אַ צייכן אַז דער אִיד וואס הִיט אפ דעם שַׁבָּת, גלייבט אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט באשאפן דער וועלט, און אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איז דער הער פון דער וועלט וואס מִיר זענען מְחוּיָּב צוּ טוהן זַיין ווילן מִיט אונזער גַאנְצְען זעהל און מִיט אונזער גַאנְצְען גֶעלְט, וַוייל אַלֶעס אויף דער וועלט איז השי"ת'ס. וַוייל דורך דִי אֱמוּנָה אִין השי"ת מאכט עֶר אַז דִי קְדוּשָּׁה פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זאל רוהען אִין זַיין הָארֶץ, ווִי עס שטייט בַּיי דִי מִצְוָה פון שַׁבָּת כִּי אוֹת הִיא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם לְדוֹרוֹתֵיכֶם, לָדַעַת כִּי אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם.

**דעריבער**, כָאטְשׁ עס האָט פאסירט אַז אַ מענטש האָט עוֹבֵר געווען אויף פארשידענע מִצְוֹת, פון דעסטוועגן בלייבט דער שילד נָאךְ בַּיי איהם, עֵדוּת צוּ זאגן אַז עֶר וואוינט נָאךְ אִין דִי ערשטע דִּירָה. דער אִיד איז נָאךְ פונקט ווִי פריער, און דִי קְדוּשָּׁה פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ רוהט נָאךְ בַּיי איהם.

**אנדערש** איז אבער דער שַׁבָּת. אוֹיב חָלִילָה מען איז מְחַלֵּל דעם שַׁבָּת בְּמֵזִיד, מִיט דעם נעמט מען אראפ דעם שילד פון זיך און מען ווייזט דערמיט ארויס דעם פְּנִימִיּוֹת פון טיפן האַרץ אַז דָא וואוינט לֵ אשםסתְבָּרַךְ.

תּוֹרָה. **נדחי ישראל פל"ו**

**עס** שטייט אִין סְפָרִים, אַז פונקט ווִי בַּיי מַתַּן תּוֹרָה צוליב דעם וואס דִי אִידִישֶׁע קינדער האָבן מְקַבֵּל געווען אויף זיך צוּ האלטן דִי תּוֹרָה האָבן זֵיי זוֹכֶה געווען צוּ ווערן אנגערופן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - אִידִישֶׁע קינדער, דאס זעלבע איז בַּיי שַׁבָּת. נאָר דורכ'ן היטן שַׁבָּת ווערן מִיר אנגערופן אִידִישֶׁע קינדער, צוליב דעם וואס אוּם שַׁבָּת רוהט דִי שְׁכִינָה אויף אונז, נאר דעריבער ווערן מִיר אנגערופן אִידִישֶׁע קינדער.

**שַׁבָּת** שיינט דער זעלבער ליכטיגקייט וועלכער האָט געלאכטן דִי ערשטע זעקס און דרייסיג שָׁעָה ווען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט באשאפן דער וועלט,

דעריבער קענען נישט די רְשָׁעִים גְּמוּרִים דערליידן דעם קְדוּשַׁת הַשַּׁבָּת, וַוייל די רְשָׁעִים זיצן נאָר אִין טונקלקייט, ווִי הרה"ק רַבִּי פִּנְחָס מקאריץ זי"ע זאגט: אַז ווען עס קומט ליכטיגקייט קענען נישט די קְלִיפּוֹת דאס אויסהאלטן און זֵיי פאלן, דעריבער זענען די רְשָׁעִים גְּמוּרִים מְחַלֵּל דעם שַׁבָּת, אבער פאר די וועלכע זענען נישט קֵיין גאנצע רְשָׁעִים, פאר זֵיי איז דער שַׁבָּת זייער שווער צו האלטן, זֵיי ווילן וואס שנעלער ארויסגיין פון דעם שַׁבָּת וַוייל זֵיי קענען נישט אויסהאלטן די ליכטיגקייט פון'ם שַׁבָּת.

**אמרי פנחס עמ' קל"ז**

[redacted]

צוריק צו הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

**אַ** קְלֵיין קינד האָט פארגעסן פון זַיין טאטן, זֵיין הַארץ האָט אִים געצויגן צו קינדערישע נארישקייטן, און עֶר האָט זיך געשפילט אַ גַאנְצְען טאג מִיט נארישקייטן. פלוצלינג האָט זיך זֵיין טַאטֶע אנטפלעקט צו אִים. פון גרויס שִׂמְחָה, האָט עֶר אַלֶעס אוועק געווארפן און עֶר האָט זיך אנגעכאפט אִין זֵיין טאטן.

**די** זעלבע איז דער הייליגער שַׁבָּת. אִין דעם טאג ווארפט יעדעס אִידִישׁ קינד אוועק זיינע קינדערישע נארישקייטן וואס עֶר האָט זיך דערמיט באשעפטיגט אַ גאנצע וואָך,

[redacted]